1023


יודישע
קינדערליעדער
פאר
קינדער
היימען
שולן
און
פאמיליע
פון י. ענגעל

1023

## = 50 =

## יודישע

# קינדערלידער

פאר קינדערהיימען,

שולן און פאמיליע.

XXIII-27232

פון י. ענגעל.

מאסקווא.

ОБЩЕСТВО ЕВРЕЙСКОЙ МУЗЫКИ (Московское отдѣленіе).
Société de la musique hebraïque. (Moscou, Star. Basmannaya, 13, 14.

## Ю. ЭНГЕЛЬ.

# Еврейскія дѣтскія пѣсни

## ДЛЯ ДѢТСКИХЪ ОЧАГОВЪ, ШКОЛЪ. СЕМЬИ.

50 №№ для одного голоса или одноголоси. хора безъ сопровожденія.

**Изданіе 2-ое. Цѣна 4 руб.** (безъ пересылки)

Общественнымъ учрежденіямъ скидка при условіи обращенія въ главный складъ изданій О-ва Е. М. Москва

Эти-же дѣтскія пѣсни Энгеля издаются Об-вомъ Е. М. съ аккомпаним. фортеп., въ большомъ форматѣ (на евр. и русск. языкахъ). Вышли пока первыя 12 пѣсенъ (праздники, молитвы, легенда и др.), попарно: №№ 1—2, 3—4, 5—6, 7—8, 9—10, 11—12. Каждая пара по 1 р. 20 к.; всѣ 12 №№ въ одной тетради 5 р.

Об-вомъ Е. М. (Москва) изданъ рядъ сочиненій Ал. Крейна и Ю Энгеля для одного голоса, хора, ф.-п., скрипки, віолонч., тріо, струн. квартета или оркестра и др. Готовятся къ изданію произведенія Я. Вейнберга, Ал. Крейна, Гр. Крейна, Ю. Энгеля и др Об-во Е. М. пріобрѣло также всѣ ранѣе вышедшія изданія Ю. Энгеля (3 сборника евр. народн. пѣсенъ).

Каталоги высылаются безплатно по требованію.

**Главный складъ изданій Об-ва: Москва, Ст. Басманная, д. 13, кв. 14.** При условіи обращенія въ главный складъ членамъ Об-ва Е. М. дѣлается скидка 10%.

Изданія Об-ва Е М. продаются также: въ Москвѣ, въ музык. магаз. Юргенсона (Неглин. проѣздъ); Лембергъ и Лекае (Кузнецк. мостъ); въ книжн. магазин. „Литература“ (Маросейка, 13); „Земля и Школа“ (Страстная площадь, д. Чижова); въ **Петроградѣ**: въ Об-вѣ евр. музыки, 9, Рождественск., д. 9, кв. 22.

# הקדמה.

די דאָזיגע לידער־זאַמלונג איז באַשטימט פאַר די יודישע קינדערהיימען, שולען און פאַמיליעס.

זי באַשטעהט פון 50 לידער. אַ העלפט פון די טעקסטען איז גענומען געוואָרן פון ד. האָפשטיינס „די נייע שול“ און ל. ח. יָפה'ס „שול־חבר“, 5 לידער פון די „גרינינקע בוי־מעלאַך“ און 5 פונ'ם „לידער־זאַמלביך“, וואָס ס'האָט אַרויסגעגעבן די „געזעלשאַפט פון יודישער פאָלקס־מוזיק“. די טעקסטען פון 6—7 לידער האָבן מיטגעטיילט די פרויל. ח. גֶפֶן, ג. קראַסנאָווסקאַיאַ און ב. יָפֶה, וועמען איך באַדאַנק זעהר.

ביי די ערקלערונגען צו די 18 לידער, ווי אַזוי זיי זאָלן געשפּילט ווערן—האָבן אַ אינטייל גענומען די פרוי ל. ר. רייסקאַיאַ, ק. ראָזאָווסקאַיאַ און ל. טשאַרנאַיאַ.

אַ באַזונדער הייסן דאַנק קומט דעם ה' דניאל טשאַרני, וואָס האָט פאַר דער זאַמלונג געגעבן 7 לידער (אָריגינעלע און איבערגעזעצטע) און האָט בכלל גענומען אַ גרויסן אינטייל ביים צוזאַמענשטעלן דעם ליטעראַרישן טייל פון זאַמלבוך.

אַן ערך אַ העלפט פון די לידער קאָנען פאַרבונדן ווערן מיט פאַרשיידענע שפּילעכצען און באַוועגונגען. צו 18 פון זיי זיינען דאָ ערקלערונגען, ווי אַזוי זיי זאָלן גע־שפּילט ווערן.

15 נומערן זיינען רעליגיעזע, יום־טוב־און משפחה־לידער. און אַן ערך צעהן זיינען וועגן דער נאַטור און פאַרשיידענע חיות און פויגלען.

די נגונים צו די אַלע לידער, אַ חוץ ווי 5—6 פאָלקסלידער, זיינען געמאַכט געוואָרן פון מיר אַליין.

די נאָטן און דער טעקסט פון די לידער זיינען, ליידער, געדרוקט געוואָרן באַזונדער, ווייל צוליב די סיבות פון דער היינטיגער צייט האָט מען דעם יודישן טעקסט געמוזט דרוקן אין אַ אַנדער שטאָט

אויך צוליב דערזעלבער סיבה איז אויסגעקומען צו דרוקן דעם טעקסט ביי די נאָטן נאָר מיט לאַטיינישן שריפט.

כדי די לידער־זאַמלונג זאָל אַרויסגעהן, וואָס גיכער און קאָסטן, וואָס ביליגער, איז זי אַרויסגעגעבן געוואָרן אָן אַן אַקאָמפּאַנימענט. אַ קלאַוויר אין די יודישע שולען איז דאָך פאָרלויפיג סיי־ווי־סיי אַ גרויסע זעלטענהייט. איבריגענס, קלייב איך זיך גאָר אין גיכען אַרויסצוגעבן אַ טייל פון די דאָזיגע לידער אויך מיט אַן אַקאָמפּאַנימענט.

**י. ענגעל.**

מאָסקווע, 1916

№ 1.

## „מוֹדֶה אֲנִי".

מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ, שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה,
מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם, רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ.

№ 2.

## „אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא".

1 אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זיצט אויבן אָן,
אין גאָלד און זילבער אָנגעטאָן,
נעמט דעם בעכער אין דער רעכטער האַנט,
מאַכט אַ בְּרָכָה איבערן גאַנצן לאַנד.

2. נאָך אַזוי הויך, נאָך אַזוי שעז,
כָּל יִשְׂרָאֵל'ס קינדער זאָלן זאָגן: „אָמֵן!"
אָמֵן וְאָמֵן, ס'זאָל זײַן וואָר,
מָשִׁיחַ זאָל קומען הײַנטיגס יאָר.

№ 3.

## דאָס געבעט.

1. עס הערט זיך דער דונער פון ווײַטן, } 2
עס בליצט אין די אויגן דער בליק; }
אָ, גאָט, האָב רַחֲמָנוּת, די אָרמע
פון בייזן געוויטער באַשיץ:

2. וואָס אַרבײַטן איצט אויף די פעלדער,
געפינען זיך ווײַט פון דער היים
און האָבן קיין אָרט, וואו זיך שיצן,
קיין שײַער, קיין דעכל, קיין בוים.
אָ, גאָט, האָב רַחֲמָנוּת, די אָרמע
פון בייזן געוויטער באַשיץ.

3. וואָס שטעהען אין מאַרק מיט די קוישן
מיט עפּל, מיט גרינס און מיט ברויט,
און אַלע, וואָס זײַנען איצט דרויסן,
וואָס ס'טרײַבט זיי דער הונגער און נויט
אָ, גאָט, האָב רַחֲמָנוּת א. אַז. וו.

4. און אַלע, וואָס זײַנען פאַרוואָגלט
און האָבן קיין ווינקעלע ניט—
די אַלע פון בייזן געוויטער
באַשירם זיי, גאָט, און באַהיט.
אָ, גאָט, האָב רַחֲמָנוּת א. אַז. וו.

№ 4.

## „מֹשֶׁה מוֹרְשָׁה".

1. מֹשֶׁה מוֹרְשָׁה אויף יענער וועלט,
וואַרף מיר אַראָפּ אַ זעקעלע געלט!

2. צו וואָס טויג דיר אַ זעקעלע געלט?
צו קויפן אַ פערד און וועגעלע!

3. צו וואָס טויג דיר א פערד און וועגעלע?
שטיינדעלעך צו פירן.

4. צו וואָס טויג דיר שטיינדעלעך?
אויפצומויערן אַ בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ.

5. צו וואָס טויג דיר אַ בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ?
אַרײַנצוטרעטן און גאָט צו בעטן.

די קינדער שטעלן זיך אויס אין אַ קרייז, און יעדן דריטן קינד פון קרייז שטעלן מיט זיך פאָר: דער ערשטער—א פערד, דער צווייטער—א וועגעלע, דער דריטער—א שטיין. און מיטן פון קרייז שטעהט אַ יונגל, וואָס שטעלט פאָר „משה מוֹרשה“.

דער גאַנצער קרייז זינגט אזוי: „משה מורשה אויף יענער וועלט, וואַרף מיר אַראָפּ אַ וועגעלע געלט!“ און משה מורשה פרעגט: „צו וואָס טויג דיר א וועגעלע געלט?“ און אזוי דאָס גאַנצע ליד. ביים לעצטן פערז טיילט זיך אויס די „שטיינער“ פון קרייז און מאַכן א קלענערן קרייז אַרום „משה מורשה“, ד. ה. א „בית־המקדש“, און די קינדער פון ערשטן קרייז נאָכזינגען: „אַרײַנצוטרעטן און גאָט צו בעטן“.

№ 5.

# שַׁבָּת־ליכט.

1. שַׁבָּת־ליכט און שַׁבָּת־לאָמפּן,
אָ, ווי זיס איז אייער שיין!
שַׁבָּת, אָ, שַׁבָּת, אָ, הייליגער שַׁבָּת!
וויפיל ברענגט איר טרייסט דעם יודן
אין זיין עלענד, אין זיין פּיין!
שבת אָ, שבת, אָ הייליגער שבת!

2. קומט צו אונז דער שבת־קודש—
ווי עס ווערן ליכט געבענטשט.
שבת, אָ, שבת, אָ, הייליגער שבת!
באַלד אַנטלויפט די מָרָה שחוֹרה,
און מע ווערט א נייער מענטש!
שבת, אָ, שבת, אָ, הייליגער שבת!

№ 6.

# שַׁבָּת בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת.

1. ער גייט שוין אוועק זיך,
דער הייליגער שַׁבָּת;
אין שטיבל ווערט פינצטער,
אין שטיבל ווערט שטיל.
עס שעפּטשעט די מאַמע:
„אך, גאָט פון אברהם“—
זי שעפּטשעט די תּפִלָה
מיט הארץ און געפיל.

2. „אַך, גאָט פון אַברהם,
פון יצחק, פון יעקב!
פאַרנעם דאָך מיין תפילה
אין הימעלס געצעלט.
און שיק מיר פּרנָסָה,
און ליכט אויף מיין מַזל
און לייכטיג זאָל ווערן
מיין גאַנצע וועלט“.

№ 7.

# „בּאַרעלאַך ווילן ניט פאַלן“.

(פּסח-ליד).

1\. האָט השם יתברך אראָפּגעשיקט
א בוימעלע אראָפּ—
בוימעלע זאָל באַרעלאַך וואַקסן.
בוימעלע וויל ניט באַרעלאַך וואַקסן,
באַרעלאַך ווילן ניט פאַלן.

2\. האָט הש״ית אראָפּגעשיקט
יעקעלען אראָפּ—
יעקעלע זאָל באַרעלאַך רײַסן.
יעקעלע וויל ניט באַרעלאַך רײַסן,
באַרעלאַך ווילן ניט פאַלן.

3\. האָט הש״ית אראָפּגעשיקט
א הינטעלע אראָפּ—
הינטעלע זאָל יעקעלען בײַסן.
הינטעלע וויל ניט יעקעלען בײַסן,
יעקעלע וויל ניט באַרעלאַך רײַסן,
באַרעלאַך ווילן ניט פאַלן.

4\. האָט הש״ית אראָפּגעשיקט
א שטעקעלע אראָפּ—
שטעקעלע זאָל הינטעלען שלאָגן.
שטעקעלע וויל ניט הינטעלען שלאָגן,
הינטעלע וויל ניט א. אז. וו.

5\. האָט הש״ית אראָפּגעשיקט
א פײַערל אראָפּ—
פײַערל זאָל שטעקעלען ברענען.
פײַערל וויל ניט שטעקעלען ברענען,
שטעקעלע וויל ניט א. אז. וו.

6\. האָט הש״ית אראָפּגעשיקט
א וואַסערל אראָפּ—
וואַסערל זאָל פײַערל לעשן.
וואַסערל וויל ניט פײַערל לעשן,
פײַערל וויל ניט א. אז. וו.

7\. האָט הש״ית אראָפּגעשיקט
אַן עקסעלע אראָפּ—
עקסעלע זאָל וואַסערל טרינקען.
עקסעלע וויל ניט וואַסערל טרינקען,
וואַסערל וויל ניט א. אז. וו.

8\. האָט הש״ית אראָפּגעשיקט
א שוחט׳ל אראָפּ—
שוחט׳ל זאָל עקסעלען שעכטן.
שוחט׳ל וויל ניט עקסעלען שעכטן,
עקסעלע וויל ניט א. אז. וו.

9\. האָט הש״ית אראָפּגעשיקט
דעם מלאך המות אראָפּ—
מלאך המות זאָל שוחט׳לען טויטן.
מלאך המות וויל ניט שוחט׳לען טויטן
שוחט׳ל וויל ניט א. אז. וו.

10\. איז הש״ית אליין אראָפּ
אָי, אליין אראָפּ—
מלאך-המות וויל שוין שוחט׳לען טויטן
שוחטל וויל שוין עקסעלען שעכטן,
עקסעלע וויל שוין וואַסערל טרינקען,
וואַסערל וויל שוין פײַערל לעשן,
פײַערל וויל שוין שטעקעלען ברענען
שטעקעלע וויל שוין הינטעלען שלאָגן.
הינטעלע וויל שוין יעקעלען בײַסן,
יעקעלע וויל שוין באַרעלאַך רײַסן,
באַרעלאַך ווילן שוין פאַלן.

---

№ 8.

## שָׁבוּעות.

שָׁבועות ליבע קינדערלאַך,
שָׁבועות איז געקומען!
באַפּראַכטן מיט גירלאַנדעס גרינס,
באַקרענצט מיט פרישע בלומען.

ס׳געהט זומער־לעבן.. עס שײַנט און קלינגט
אין וואַלד, אין פעלד, אין גאָרטן;
ס׳פליהען, פליהען פייגעלאך
און זינגען שירָה דאָרטן.

דער ליבער גרינער יום־טוב געהט —
זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ! (2)

№ 9.

## אין סוּכָּה.

1. אַ סוּכָּה אַ קליינע
פון ברעטלאַך געמיינע
האָב איך קוים מיט צָרות געמאַכט.
געדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסעלע סְכַך,
און איך זיץ דאָ סוכּות בײַנאַכט (2)

2. פון ווינט דעם קאַלטן,
וואָס בלאָזט דורך די שפּאַלטן,
מײַן ליכטעלע לעשן זיך וויל;
דאָ מאַך איך מיר קידוש,
און זעהט נאָר אַ חידוש:
מײַן ליכטל ברענט רוהיג און שטיל. (2)

№ 10.

## חֲנוּכָּה.

1. „בָּרוּך אַתָּה",
זינגט דער טאַטע,
און ער צינדט די ליכט;
חֲנוּכָּה, חֲנוּכָּה, חֲנוּכָּה! (2)
און זיי שטראַלן,
מילדע, פאַלן
אויף זײַן בלאַס געזיכט.
חנוכּה, חנוכּה, חנוכּה! (2)

2. און אַ פײַער,
הייליג, טײַער,
אין די אויגן לײַכט;
חנוכּה, חנוכּה, חנוכּה! (2)
און דער מידער,
מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלײַכט.
חנוכּה, חנוכּה, חנוכּה! (2)

№ 11.

## שְׁלַח־מָנוֹת.

(פּורים־ליד).

1. אויגלאַך בליץ און בעקלאַך פלאַם,
דאָס הייטל אויף אַ זײַט,
לויפט קליין־משֶׁה׳לע אַהיים
יום־טוב׳דיג פאַרשפּײַזט.

ר'האָט שלח־מנות אײַנגעקויפט:
צװײ צוקערלאַך מיט בערה,
טײַבעלאַך מיט פֿױגעלאַך,
אַ פֿישל און אַ פֿערד.
גוט־פּורים, גוט־פּורים, גוט־פּורים! (2)

2. פֿלוצלינג ערשט פֿון־חײמל
די טיר האָט אויפֿגעמאַכט:
„אַ גוט־פּורים, משהלע!
שלח מנות דיר געבראַכט!"
„חײמל, מײַן חבֿרל,
איך האָב אַ פֿיש פֿאַר דיר,
כ'גיב דיר אויך די פֿױגעלאַך
נאָר ס'פֿערדל לאָז איך מיר".
גוט־פּורים, גוט־פּורים, גוט־פּורים! (2)

№ 12.

## אַ מעשׂה.

1. אַמאָל איז געװען אַ מעשׂה,
די מעשׂה איז גאָר ניט פֿרעהלעך—
די מעשׂה הויבט זיך אָנ'עט
מיט דעם יודישן מלך.

2. דער מלך האָט געהאַט אַ מלכּה,
די מלכּה האָט געהאַט אַ װײַנגאָרטן,
דער װײַנגאָרטן האָט געהאַט אַ בוים,
דער בוים האָט געהאַט אַ צװײַג.

3. דער צװײַג האָט געהאַט אַ נעסטעלע,
דער נעסט האָט געהאַט אַ פֿױגעלע,
די פֿױגעלע האָט געהאַט אַ פֿליגעלע,
די פֿליגעלע האָט געהאַט אַ פֿעדערל.

4. דער מלך איז אָפּגעשטאָרבן,
די מלכּה איז געװען נאָך דאָרבן,
דער בוים איז אָפּגעבראָכן,
די פֿױגעלע פֿון נעסט ז'אַנטלאָפֿן.

№ 13.

## גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן!

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן
פֿון די קלײנע קינדערס װעגן,
אי בײַטאָג, אי בײַנאַכט,
אַלע לאָדן צוגעמאַכט.
ניט קײַן סך, ניט קײַן ביסל,
נאָר אַ פֿולע שיסל!

№ 14.

## דאָס זריעה־קערנדל.

1. אַך, פֿינסטער איז מיר
ענג איז מיר דאָ!
קײַן טויער, קײַן טיר,
קײַן פֿענסטער ניטאָ—
איך ליג דאָ אין שטויב און אין שימל.

2. עס מוז זײַן אַ סוף,
עס װעט זײַן אַ סוף
צום פֿראָסט און צום שטורם,
צום פֿינסטערן שלאָף!
דער פֿריהלינג, דער פֿריהלינג װעט קומען

3. מיט ליכט און מיט וואַרעמקייט,
פריידן און געזאַנג,
און פרעהלאך וועט מען טאַנצן
ניבן גאָלדענע זאַנג
צווישן דעם גראָז און די בלומען!...

№ 15.

## קאַרעהאָד (פריהלינג).

1. קינדער, הערט, עס איז שוין פריהלינג!
זעהט, ווי פריש עס איז שוין דער באָר.
נעמט אייך אַלע פאַר די הענטלאַך,
לאָמיר געהן אין קאַרעהאָד!
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
לאָמיר געהן אין קאַרעהאָד! } 2

2. וואָס זשע שטעהסטו, ווי אַ גולם,
בערל, יאָסל,—נו, געשווינד!
היי, אַ הויב די פיסלאַך, עולם,
פוש אַ פאַך טוהן זאָל אַ ווינט!
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
פוש אַ פאַך טוהן זאָל אַ ווינט! } 2

3. איצט לאָזט לאַנגזאַמער די פיסלאַך
און שטעלט אָפּ די מידע צעריי,
לאָמיר אָפּ רוהען צו ביסלאַך
און דערנאָכדעם אויף דאָס נייַ!
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
און דערנאָכדעם אויף דאָס נייַ! } 2

№ 16.

## די קאָרנשוועסטערלאַך.

1. קענט איר, קינדערלאַך,
די קאָרנשוועסטערלאַך?
ווי זיינען בלימעלאַך
אין פרייען פעלד.
עס גיבן בלאָהינקע,
עס גיבן רויטינקע,
אויך גיבן געלינקע—
ווי אייך געפעלט (2)

2. זיי וואַקסן טויזענטער
אין אַלע ווינקעלאַך,
וואו [illegible] ווינט זיך
און תבואה בליהט.
וואָס פעלד באַקרוינען זיי,
זיין ברויט באַשענען זיי
און בליהען לוסטיגע
פון זון געהיט. (2)

№ 17.

## שפּאַציר-ליד.

1. קינדער, ליבע קינדער,
קומט אין פעלד מיט מיר!
איר וועט זיין סאָלדאַטען—
איך דער אָפיציר.
שטעלט זיך אויס׳עט גיכער,
איינס, צוויי, דריי; איינס און צוויי און דריי

משה גרשונס, פויק נאָר:
טריי־טאַ, טריי־טאַ טריי!
(טריי־טאַ, טריי־טאַ) 2, טריי!

2. און דו, יאָסל פּײַוולס,
נעם דו, קלײנער צניף,
גיך אין מויל צוויי פינגער,
גיב אַ פּײַף: פּו־פיף!
זינגען זאָלט איר אַלע,
אָבער שײן, אָבער שײן און הויך.
נו, איצט שטעלט די פיסלאַך,
געהן זאָל אַזש אַ רויך!
(טריי־טאַ, טריי־טאַ) 2, טריי!

3. געהן מיר שפּאַצירן
צווישן באַרג און טאָל
וואו עס פליסט אַ טײַכל
קלאָר־ער פון קריסטאָל.
אוי, אין פעלד — אַ חיות,
נאָר גענונטער, נאָר געזונטערהייט.
טריי־טאַ, טריי־טאַ, טריי־טאַ,
ועהט, די זון פאַרגעהט.
(טריי־טאַ, טריי־טאַ) 2, טריי!

4. נו געשווינדער, קינדער,
אין אײן אויגענבליק!
שטעלט זיך אום אין פאַרלאַך
און אַהיים צוריק.
מאַרש, געשפּאַנט מיט פיסלאַך,
אײנס, צוויי, דרײַ; אײנס און צוויי און דרײַ
משה גרשונס, פויק נאָר:
טריי־טאַ, טריי־טאַ, טריי!
(טריי־טאַ, טריי־טאַ) 2, טריי!

№ 18.

## הערבסט־ליד.

1. עס פלאַטערן בלעטער
און פליגעלאַך זשומען,
אַך, פריהער צי שפּעטער —
דער הערבסט מוז דאָך קומען. (2)

2. אַך, פריהער צי שפּעטער
ס׳וועט אונז פאַרדאַרבן
דער הערבסטיגער וועטער,
און אַלעס וועט שטאַרבן. (2)

3. אוים פויגלשע טרעלן,
אוים בלומען און גראָזען,
און הערבסט־ווינטען וועלן
דעם זומער־צעבלאָזען. (2)

4. פון אַלע פיר זײַטן
דער רעגן וועט שמײַסן,
ביז ס׳טקומען צורײַטן
דער ווינטער אין ווײַסן. (2)

№ 19.

## ווינטער־ליד.

1. אַלע דעכעלאַך—ווײַס
און דער טײַך איז פול אײַז
און די שנייעלאַך טאַנצן און שוועבן.
מיט די גליטשאײַזנס אָן,
און מיר הויבן גלײַך אָן
זיך צו גליטשן (מיט שמחה און שוועבן) 2

2. אײ, דו, חברה־מאַן, הער,
גיב דעם שליטל אַהער,
און מיר שליטלען זיך לעבעדיג־מונטער,
און מיר פליהען גלאַט.
און פאַלט אײנער אַראָפּ—
שטעהט ער אויף באַלד (צוריק אַ געזונטער) 2

3. אָבער וואַרט, קינדער, יעצט
קומט דאָס בעסטע צולעצט:
ס'ווײַנען קוילן פון שנײ אויסגעקנאָטן,
ס'איז א טײַערע שפּיל—
זיך צו צילן אין ציל
און טרעפן (אין נעזל געראָטן!) 2

בײם ערשטן פערז שטעלן זיך אוים די קינדער פאַרלאַכוויז. די הענט איפ'ן ברוסט פײרלינט און גלימשן זיך. בײם צווייטן פערז ווערט דער ע־שטער „א פערד" און דער צווייטער „א שליטל", וואָס האַלט זיך א' „פערד" און שאַרט זיך נאָך. בײם דריטן פערז צעשטעלן זיי זיך אין א קרייז און הויבן זיך אָן צו פאַרמאָסטן איינע אַנטקעגן די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן שניי־קוילן געוואָרפן.

№ 20.

# פרעהלאַכע ווינטער־ליד.

1. דער ווינטער ז'געקומען,
דער שנײ שײַט און שײַנט,
מיר זיצן אין צימער
און זינגען אַ ליד. } 2

2. אַ ליד און אַ שפּיל
און אַ טענצל דערבײַ—
מיר פרעהען זיך אַלע,
ווי ס'וואָלט געווען מאַי. } 2

3. ס'מעג שנייען און דרעהען
אָן אויפהער אין גאַס,
דער ווינטער וועט זײַן אונז
אַ טײַערער גאַסט. } 2

№ 21.

# דער ווינטער.

1. אוי, העלפט מיר, קינדער, אונטער,
קײַן כחות איז נישטאָ.
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ.
דער ווינטער! (3)

2. ער פרעגט קײנעם קײַן דעות,
ער קומט ווי צו זיך אַהיים,
מיט די ווײַסע באָרד און פּאות,
מיט דער ווײַסער, גרויסער ברעם.
דער ווינטער! (3)

3. דורך טאָל און וועלדער יאָגט ער,
געהוייקערט צו דער ערד,
מיט זיך א בעזום טראָגט ער
און קערט, און קערט, און קערט.
דער ווינטער! (3)

4. מיט שנײ געבעט די פעלדער,
פאַרפרוירען שטעהט דער וואַלד.
די פעלדער און די וועלדער
זײ ברומען: קאַלט... ס'איז קאַלט!
דער ווינטער! (3)

№ 22.

## נאַטור־קלאַנגען.

1. עס קומט צופליהען גאַנץ געשווינד
פון ערגעץ וואו אַ ווינט.
ער בלאָזט, ער בלאָזט: מממ*... (3)

2. עס הערט זיך צו צום ווינט דער וואַלד
און ענטפערט אָפּ אים באַלד.
ער רוישט, ער רוישט: זש...** (3)

3. ס'דערהערט דעם וואַלד דער גרויסער טײַך
און ענטפערט אָפּ אים גלײַך.
ער שוימט, ער שוימט: וו...** (3)

4. עס רוישט און ס'ברויזט די גאַנצע וועלט
ווי איינעם, וואָס ס'געפעלט.—
עס רוישט, עס רוישט | מ...***
| זש... (3)
| וו...

די קינדער שטעלן זיך אוים אין אַ קרייז, וואָס ווערט צעטיילט אויף דריי גרופּען. די ערשטע גרופּע— אַ ווינט, די צווייטע—אַ וואַלד, די דריטע—אַ טײַך. דער גאַנצער קרייז זינגט: „עס קומט צופליהען פון ערגעץ וואו אַ ווינט. ער בלאָזט, ער בלאָזט." אין בלייבט שטיל. דעמאָלט כאַפּט די ערשטע גרופּע אונטער ממם. ביים צווייטן קופּליט דאָס זעלבע, נור צום סוף כאַפּט שוין אונטער נאָר די צווייטע גרופּע: זש... ביים דריטן—נאָר די דריטע גרופּע—וו... ביים פערטן זינגט שוין דער גאַנצער קרייז און אלע מאַכן ממם... זש... ווו...

* מיט אַ פאַרמאַכטן מויל.
** מיט אַן אָפענעם מויל.
*** איינע מאַכן—מ..., אַנדערע—זש..., דריטע וו...

№ 23.

## אַ מאַרש־ליד.

1. גוואַלד זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר? 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
ס'איז דאָך גוט צו גיהן שפּאַצירן! 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
נישט שפּאַצירן און נישט לויפן
איבער גערטנער און הויפן—
איז וואָס טויגט איר, איז וואָס טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַליין!

2. גוואַלד זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר? 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
ס'בליהט אין דרויסן דאָך דער פריהלינג! 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
נישט כּדי פריהלינג, נאָר געשלאָפן:
נישט געהוליעט, נישט געלאָפן—
איז וואָס טויגט איר, איז וואָס טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַליין!

3. גוואַלד זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר? 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
זעהט, אין דרויסן גלאַנצט דער זומער! 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
נישט פון פריהלינג וואָס גענומען
און פון זומער אויך נישט וויסן—
איז וואָס טויגט איר, איז וואָס טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַליין!

4. גוואַלד־זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר? 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!

זעהט, דער סאַד איז פול מיט פּרות! } 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
ס'קאָן דער הערבסט זיי נאָך צעטרעטן,
און איר לאָזט זיך אַלץ נאָך בעטן —
וואָס־זשע טויגט איר, וואָס־זשע טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַליין?

5. גוואַלד־זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר? } 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
הערט, עס סקריפּעט שוין דער ווינטער! } 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
ער שענקט אונז ליכט און שענקט אונז בלומען,
און איר ווילט צו אים ניט קומען—
וואָס־זשע טויגט איר, וואָס־זשע טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַליין?

6. גוואַלד־זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר? } 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
ס'גלאַנצט אין דרויסן שוין דער זומער! } 2
איינס־צוויי, איינס־צוויי!
נישט פון פריהלינג וואָס געניסן
און פון זומער אויך ניט וויסן—
וואָס־זשע טויגט איר, וואָס־זשע טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַליין?

№ 24.

## אונטער דעם קינדס וויגעלע.

(אַ וויג־ליד)

1. אונטער דעם קינדס (יעקעלעס, שרה'לעס) וויגעלע
שטעהט אַ ווייסע ציגעלע,
דאָס ציגעלע ס'געפאָהרן האַנדלען
ראָזינקעס און מאַנדלען,
ראָזינקעס מיט מאַנדלען איז זייער זיס—
מײַן קינד וועט זײַן געזונט און פריש.

2. געזונט איז די בעסטע סחורה,
מײַן קינד וועט לערנען תורה.
תורה וועט עס לערנען,
ספרים וועט עס שרייבן,
אַ גוטער און אַ פרומער
וועט ער אי"ה בלייבן.

№ 25.

## שלאָף, שלאָף, שלאָף!

(אַ וויג־ליד)

1. שלאָף, שלאָף, שלאָף
דער טאַטע וועט פאָהרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַן עפּעלע,—
וועט זײַן געזונט דאָס קעפּעלע.

2. שלאָף, שלאָף, שלאָף א. אז. וו.
וועט ער ברענגען אַ ניסעלע,
וועט זײַן געזונט דאָס פיסעלע.

3. שלאָף, שלאָף, שלאָף א. אז. וו.
וועט ער ברענגען אַן ענטעלע,
וועט זײַן געזונט דאָס הענטעלע.

4. שלאָף, שלאָף, שלאָף א. אז. וו.
וועט ער ברענגען אַ הוזעלע,
וועט זײַן געזונט דאָס נעזעלע.

5. שלאָף, שלאָף, שלאָף א. אז. וו.
וועט ער ברענגען אַ פויגעלע,
וועט זײַן געזונט דאָס אויגעלע.

№ ?6.

## אונזער מִשפָּחָה.

מיך רופט מען זַלמָן,
דער טאַטע הייסט קלמן,
מײַן ברודער הייסט זֶרַח,
דער זיידע הייסט בָּרוך,
די מאַמע הייסט ביילע,

די שוועסטער הייסט קיילע.
דאָס פערדל הייסט סיראָפּ.
דאָס קעצל הייסט מורקע.
די באָבע הייסט יאָבע—
די גאַנצע מִשפָּחָה!

דאָס ליד קאָן [illegible]ים ענוצט ווערן פאַר אַ פינגער־שפּיל.

№ 27.

## בולבע.

1. זונטאָג בולבע, מאָנטאָג בולבע,
דינסטאָג און מיטוואָך בולבע,
דאָנערשטאָג און פרײַטאָג בולבע;
שבת אין אַ נאָווינע אַ בולבע־קוגעלע,
זונטאָג ווידער בולבע.

2. ברויט מיט בולבע, פיש מיט בולבע,
וואַרמעס און וועטשערע בולבע,
אָבער און ווידער בולבע;
שבת נאָכ'ן טשאָלנט אַ בולבע־קוגעלע,
זונטאָג ווידער בולבע.

№ 28.

## אין חֶדֶר געהן.

1. גסה, מײַן קינד, אין חֶדֶר,
לערן תורה כְּסֵדֶר
פון עברי ביז צו גמָרָא,
וועסטו ניט וויסן פון קיין צָרָה
פון קיין צרה.

2. לויף, מײַן קינד, לויף צום רֶבִּין,
לויף צום רֶבִּין און לערן.
אָי, לערן, מײַן קינד, מיט חֵשֶק,
דאָס איז אויף דער וועלט דער בעסטער
עֵסֶק, דער בעסטער עֵסֶק.

№ 29.

## גוט־מאָרגן־ליד.

1. פרעהלאך, פרעהלאך!
פרעהלאך גאָר אין מאָרגן
קומען אלע דאָ,
זאָגן זיך „גוט־מאָרגן!"
אין אַ גוטער שָעה.

פרעהלאך, פרעהלאך, פרעהלאך, פרעהלאך!
פרעהלאך, פרעהלאך!

2. שטעלן זיך צו צווייען,
האַנט אין האַנט געפּאָרט,

זינגען אַלע רייהען
לידער וואָרט אין וואָרט.
פרעהלאך, פרעהלאך, פרעהלאך, פרעהלאך!
פרעהלאך, פרעהלאך!

3. ס'הויבט זיך אָן צו פיהלען
מונטער יעדעס קינד,
נ'ארבייט און אין שפּילן
לויפט די צייט געשווינד.
פרעהלאך, פרעהלאך, פרעהלאך, פרעהלאך
פרעהלאך, פרעהלאך!

№ 30-a.

## „אַ ראָד און אַ ראַנע".

א ראָד און א ראנע, זיבען מאָל ארום.
א שטרויענע פאנע, חייקע, קער זיך אום!

מען מאכט א קרייז, און ווען מען רופט אן דעם נאמען פון דעם קינד, דרעהט זיך עס איבער מיט דער פּלייצע צו אלעמען, פארבלייבענדיג אין קרייז.

№ 30-b.

## „איין אַ מילינג".

איין א מילינג, זעקס זינגער,
צוויי א צווילינג, זיבן מויז,
דריי מזומן, אכט א הויז—
פיר רעדער, נעה ארויס!
פינף פינגער,

צום צעהלן זיך.

№ 31.

## די פּילקע.

1. אָ, די פּילקע, אָ, די ווייסע,
צו דער ערד קלאפּ!

2. אָ, די פּילקע, אָ, די ווייסע
אין דער האנט כאפּ!

די קינדער צעשטעלן זיך אין צוויי שורות, איינע אַנטקעגן די אַנדערע, אין א גלייכער צאָהל. ביים ערשטן קופּליעט כלאפּט מען די פּילקע אָן דער ערד, און דאָס זעלבע קינד כאפּט זי צוריק, ביים צווייטן קופּליעט ווארפט מען די פּילקע צום פּארטניאָר, וואָס אַנטקעגן, און יענער דארף זי כאפּען.

№ 32.

## און אַז דער רֶבּי...

1. אין אַז דער רֶבּי געהט, (2)
געהען דאָך אַלע תּלמידים.

און אז דער רבי שטעהט, (2)
שטעהען דאָך אלע תלמידים.

2. און אז דער רבי שלאָפֿט, (2)
שלאָפֿן דאָך אַלע תּלמידים.

און אַז דער רבי שפּרינגט, (2)
שפּרינגען דאָך אַלע תּלמידים.

3. און אַזוי ווייטער א. אַ. וו.

די קינדער שטעלן זיך אויס אין איין שורה, איינער נאָכ'ן צווייטן. פֿאָר־אויס גייט דער „רבי". די קינדער טוען נאָך אַלץ, וואָס דער רבי טוט.

№ 33.

# אַ קאַץ און אַ מייזל.

עס גייט אַרום אין הייזל
אַ קאַץ און זוכט אַ מייזל.

קאַץ, קאַץ, זוך דאָס מייזל!
מייזל, מייזל, היט זיך אָפּ!

מען מאַכט אַ קרייז, און אין קרייז גייט אַרום די קאַץ. אויסערן קרייז געפֿינט זיך דאָס מייזל.

№ 34.

# טאָרט.

און אויף משה'לעס בר־מצוה*
אויסגעבאַקט אַ גרויסן טאָרט.
אָט אַזוי איז ער הויך,
אָט אַזוי איז ער לאַנג,

אָט אַזוי איז ער ברייט,
אָט אַזוי איז ער דיק.
גרויסער טאָרט, זיסער טאָרט—
וועמען ליבסטו—גיב דיין אָרט.

מען שטעלט זיך אויס אין אַ קרייז און וועמענס נאָמען די לעצטקע רופֿט אויס—יענער גייט אַרויס פֿון קרייז און שטעלט זיך אין מיטן, און אַלע מאַכן נאָך די באַוועגונגען, וואָס זינגען זיך אין ליד. בײַ דער לעצטער שורה דאַרף דער „טאָרט" אָנווייזן אויף אַ קינד אין קרייז, און זיי בייטן זיך דערנאָכמאָל מיט די ערטער.

* און אויף שרה'לעס געבורטס־טאָג.

№ 35.

# אַ שווים־ליד.

1. מיט די פֿיסלאַך פּלינקע, פּלינק
פֿון דעם בערגל שפּרינג, שפּרינג.
באַק אַרײַן אין טײַך, באַק, באַק,
באַק אַרײַן אין טײַך!

אין דעם וואַסער גלײַך, גלײַך, גלײַך,
אין דעם וואַסער גלײַך.

2. און איך פּאַטש מיך, פּאַטש, פּאַטש!
מיט די הענטלאַך קלאַטש, קלאַטש!

3. און איך שווים, שווים, שווים,
ווי אַ פֿישל שטום, שטום.
און די וואַסער גלעט, גלעט,
ווי אַ מאַמע גלעט.

מען שטעלט זיך איים פֿאַרלאַכווייז איינע נאָך די אַנדערע. בײַם ערשטן קופּליעט קלאַפּט מען מיט די פֿיסלאַך און מען מאַכט אַ באַוועגונג, ווי מען שפּרינגט אַרײַן אין טײַך. בײַם צווייטן קופּליעט פּאַטשט מען „לאַטקעס" און בײַם דריטן פֿיה־ט מען פֿונאַנדער מיט די הענט, ווי בײַם שווימען.

№ 36.

## צִיפּ, צַאפּ עמערל!

ציפּ, צאפּ, סמערל,
קום זי מיר אין קעמערל,
וועל איך דיר עפּעס ווייזן:
שיכעלאך פון אייזן,
ביר אין די קריגעלאך,
קינדער אין די וויגעלאך (2)
שרייען, ווי די ציגעלאך:
מא–מע, בא–מע!

№ 37.

## אַ באַק=ליד.

באַק, באַק קוכן,
דער בעקער האָט גערופן:
ווער ס'וויל גוט קוכן מאַכן,
דער מוז האָבן זיבן זאַכן:
אייער און שמאַלץ,
פּוטער און זאַלץ,
מילך און מעל,
און זאַפראַן מאַכט דעם קוכן געל.

דאָס ליד קען אויך גענוצט ווערן פאַר אַ פינגער=שפּיל.

№ 38.

## פייגעלע, פייגעלע, פּי, פּי, פּי!

1. פייגעלע, פייגעלע!
פּי, פּי, פּי!
2. וואו איז דער טאַטע?
ניטאָ דאָ הי!
3. ווען וועט ער קומען?
מאָרגן פריה!
4. וואָס וועט ער ברענגען?
א פלעשעלע ביר!
5. וואו וועט ער שטעלן?
הינטער דער טיר!
6. מיט וואס וועט ער צודעקן?
מיט אַ שטיקל פּאַפּיר!
7. ווער וועט טרינקען?
איך מיט דיר!

מען שטעלט זיך אוים אין אַ קרייז און אין מיט', שטעלט מען אַוועק דאָס „פויגעלע". דער קרייז שטעלט די פראגן, דאָס פויגעלע ענטפערט.

№ 39.

## דער פּאַסטוכל.

1. מאַכט דער פּאַסטוכל אין דערפריה
אויף זיין פייפל: (טו=רו=רו!) (2)
טו=רו, טו=רו, טו!
און אין שטעטל אלע קיהעלאך
מוקען צו אים: מו=מו, מו=מו, מו, מו.
2. מאַכט דער פּאַסטוכל א. אז. וו.

און אין שטעטל אלע שעפעלאך
מעקען צו אים: מע=מע, מע=מע, מע=מע.

און אין שטעטל אלע ציגעלאך
בעקען צו אים: בע=בע, בע=בע,
בע=בע.

3. מאכט דער פאסטוכל א. אז. וו.

ס'ווערט אויסגעקליבן א פאסטוכל און די קינדער צעטיילן זיך אויף דריי גרופען: קיהעלאך, שעפעלאך און ציגעלאך. ביים ערשטן קופליעט ענטפערן נאר די קיהעלאך, ביים צווייטן—די קיהעלאך און די שעפעלאך, ביים דריטען—אלע צוזאמען.

№ 40.

# קעסטעלאך.

1. שפילן מיר אין קעסטעלאך, קעסטעלאך,
געהט ארויס א האן.
האן, האן, וואס גיסטו דערצו?
— איך גיב א קריי!
דער האן זיין קריי —
שפילן מיר ווייטער אזוי.

2. שפילן מיר אין קעסטעלאך, קעסטעלאך
געהט ארויס א הון.
הון, הון, וואס גיסטו דערצו?
— איך גיב אן איי.
דער האן זיין קריי,
די הון איר איי—
שפילן מיר ווייטער אזוי.

3. שפילן מיר אין קעסטעלאך א. אז. וו.
(א גאנז)
...... איך גיב אגא=גא=גא!
גאנז גא=גא=גא, די הון איר איי.
דער האן זיין קריי—
שפילן מיר ווייטער אזוי.

4. שפילן מיר אין קעסטעלאך א. אז. וו.
(אן אינדיק)
..... איך גיב א האלדער=באלדער
אינדיק האלדער=באלדער,
גאנז גא=גא, גא,
די הון איר איי,
דער האן זיין קריי —
שפילן מיר ווייטער אזוי.

די קינדער צעשטעלן זיך אין א קרייז און ס'ווערן באשטימט: א האן, א הון, א גאנז און אן אינדיק. ביים ערשטן קופליעט געהט ארויס אין מיטן קרייז דער האן און גיט א קריי.
ביים צווייטן—די הון א. אז. וו.

№ 41.

# דער באהן.

1. דער באהן איז א לאנגער, א גרויסער אזא,
ס'קלאפן די רעדער: (טאך=טאך=טאך=טאך=
טא) (2)
טאך=טאך=טאך, טאך=טאך=טאך,
טאך=טאך=טאך, טאך=טא!

2. און וועלדער און פעלדער לויפן פארביי,
עס זינגען די רעלסעס: (טוריי=און=טוריי) (2)
טוריי=און, טוריי=און, טוריי=און, טוריי!

די קינדער צעשטעלן זיך איינע נאך די אנדערע. דער ערשטער איז דער „פאראוואז". די איבריגע „וואגאנעס". נאך יעדע 5 אדער 10 „וואגאנעס" ווערט באשטימט א „קאנדוקטאר". דער „פאראוואז" רירט זיך און די וואגאנעס גלייך נאך אים.

№ 42.

# מיכלקע.

1. האָב איך מיר אַ קליינעם מיכלקע,
מיכלקע,
וואוינט ער אויף דער ברייטער גאַס.
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס ער קאָן.
מאַכט ער מיר אַ פּיפּעלע—
דאָס פּיפּעלע מאַכט אַזוי:
פליו־פליו־פליו, פליו־פליו־פליו (2)
מאַכט דאָס פּיפּעלע.

2. האָב איך מיר א. אַז. וו.
...מאַכט ער מיר אַ טראָמבעצקע.
טרו־טרו־טרו, טרו־טרו־טרו (2)
מאַכט די טראָמבעצקע.

3. האָב איך מיר א. אַז. וו.
...מאַכט ער מיר אַ פּייקעלע.
טרבאָם־טרבאָם־טרבאָם, טרבאָם־טרבאָם־
טרבאָם (2)
מאַכט דאָס פּייקעלע.

4. האָב איך מיר א. אַז. וו.
...מאַכט ער מיר אַ פידעלע.
טידל־טידל־לידל, טירל־טידל־לירל (2)
מאַכט דאָס פידעלע.

№ 43.

# דער סוחר.

1. קויפט, קויפט, קונים! (2)
איך האָב אַלץ צו פאַרקויפן:
אַ פערדעלע, אַ וועגעלע
אויף רייטן און אויף לויפן.

2. קויפט, קויפט, קונים! (2)
מיר וועלן זיך נישט דינגען,
כ'האָב מענשעלאַך, פאַיאַצעלאַך,
וואָס ברעכן זיך און שפּרינגען.

3. קויפט, קויפט, קונים! (2)
פאַיאַצעלאַך און שטענדריקלאַך
מיט קאָפּקעלאַך און גלעקלאַך,
מיט רויטע, געלע הויזלאַך,
מיט אָנגעפאַרבטע בעקלאַך.

4. קומט, קומט, קונים! (2)
באַקאַנטשאַפט מיט מיר מאַכן!
כ'האָב צאַצקעלאַך און שפּילעכלאַך
און אַלע גוטע זאַכן!
קויפט, קויפט קונים! (2)

№ 44.

# וואָס טויג אַזוינע זאַכן?

1. פויגל, וואָס ניט זינגען
טראַ־לאַ־לאַ!
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
טראַ־לאַ־לאַ!
פויגל, וואָס ניט זינגען
טראַ־לאַ־לאַ,

וואָס טויג אזוינע זאַכן?
וואָס טויג?

2. גלעקלאַך, וואָס ניט קלינגען
דין־דין־דאַ!
דין־דין־דין־דין, דין־דין,
דין־דין־דאַן!
גלעקער, וואָס ניט קלינגען
דין־דין־דאַן!
וואָס טויג אזוינע זאַכן?
וואָס טויג?

3. פערדלאַך, וואָס ניט שפּרינגען
היפּ־היפּ־האָפּ!
היפּ־היפּ־היפּ־היפּ, היפּ־היפּ,
היפּ־היפּ־האָפּ!
פערדלאַך, וואָס ניט שפּרינגען
היפּ־היפּ־האָפּ!
וואָס טויג אזוינע זאַכן?
וואָס טויג?

4. קינדער, וואָס ניט לאַכן
כאַ־כאַ־כאַ!
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ!
כאַ־כאַ־כאַ!
קינדער, וואָס ניט לאַכן
כאַ־כאַ־כאַ!
וואָס טויג אזוינע זאַכן?
וואָס טויג?

מ׳ען צעשטעלט זיך אין א קרייז. בײם ערשטן קופּליעט דרעהט מען זיך אין איין ריכטונג, און די קינדער מאכן מיט די הענטלאך, ווי פויגעלאך פליהען. בײם צווייטן—דרעהט מען זיך אין דער צווייטער ריכטונג און מ׳ען מאכט מיט די הענטלאך, ווי מ׳ען וואלט אין גלעקער געקלונגען. בײם דריטן שפּרינגט מען אינטער ווי פערדלאך. און בײם פערטן שטעלט מען זיך צו און מען הויבט אָן לאכן.

№ 45.

## דער פויגל און דער יונגל.

1. אויף אַ בוים אין גרינעם וואַלד
אַ וואונדערליכער פויגל שאַלט:
טראַ־לאַ־ראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ (3)
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ, לאַ!

2. איז אַ יונגל צוגעלאָפן,
און דער פויגל איז אַנטלאָפן:
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ א. אַז. וו.

3. וואָס אַנטלויפסטו?—ס׳יונגל שרײַט—
נישט געוואָלט דיר טון קיין לײַד.
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ א, אַז. וו.

4. כ׳בעט דיך, פויגל, פויגל, בלײַב!
און דער פויגל: איך נישט גלויב!
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ א. אז. וו.

№ 46.

## אַ רעגנדל.

1. טריפט אַ רעגנדל, אין די שײַבעלאך,
טריפט אַ רעגנדל: אין די דעכעלאַך:
קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ! קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ!

2. און די פויגעלאך
מיט די הינדעלאך:
ציפ, ציפ, ציפ, ציפ, ציפ!
צו די סטרעכעלאך,
צו די בוימעלאך
היפ, היפ, היפ, היפ, היפ!

3. נאָר די קינדערלאך
אויפ׳ן רעגענדל:
האָפּ, האָפּ, האָפּ, האָפּ!
אין דעם לויטערן
קלאָרן וואַסערל:
שליאָפּ, שליאָפּ שליאָפּ, שליאָפּ!

4. אוים דאָס רעגענדל,
שײַנט די זונעלע:
שײַן, שײַן!
נאָר די קינדערלאך
אלץ אין וואַסערל:
פײַן, פײַן!

№ 47.

## בַּעַל־מְלָאכָה.

1. ווער עס וויל אַ גוטער בעל־מלאכה זײַן,
יענער זאָל צו אונז גלײַך, גלײַך אַרײַן!
2 { טשיר־טשיר־טשיר, טשיר־טשיר־טשיר —
שנײַדער, נייה אַ קלייד פאַר מיר.
שנײַדער, אָ, שנײַדער!

2. ווער עס וויל אַ גוטער א. אַז. וו.
2 { פּאַך־פּאַך־פּאַך, פּאַך־פּאַך־פּאַך —
שוסטער, נעם פאַרנייה די לאַך.
שוסטער, אָ, שוסטער!

3. ווער עס וויל אַ גוטער א. אַז. וו.
2 { ציש־ציש־ציש, ציש־ציש־ציש —
סטאָליער, הובליע גלײַך דעם טיש!
סטאָליער, אָ, סטאָליער!

4. ווער עס וויל אַ גוטער א. אַז. וו.
2 { טינק נאָר איין, טינק נאָר איין —
פאַרבער, מאָל די ווענטלאך פײַן!
פאַרבער, אָ, פאַרבער!

5. ווער עס חיל אַ גוטער א. אַז. וו.
2 { באָם־באָם־באָם, באָם־באָם־באָם —
באָנדער, שלאָג די רייפן אָן!
באָנדער, אָ, באָנדער!

מען שטעלט זיך אוים אין אַ קרייז. בײַם ערשטן פּלי נעהט איין קינד אַרײַן אין מיטן קרייז. אלע זינגען, מען קלאַפּט צו מיט די פינלאך און מען דרעהט [illegible] די הענטלאך, ווי מען וואָלט אַ מאַשין נעדרעהט. בײַם צווייטן קופּליעט גייט אַרום אַ שוסטערל. אַלע שטעלן זיך אַוועק אויף איין קניה און מען קלאַפּט אויף איר אַ פּייסטל אויף אַ פויסטל. אַזוי ווערט געמאַכט בײַ די איבריגע קופּליעטן, ווי עס פּאַסט פאַר יעדן בעל־מלאכה.

№ 48.

## אַ שיף־ליד.

1. בריטלאך קויף איך מיר פאַר געלט,
שלאָג זיי מיר צוזאַמען,
בוי איך מיר אַ שיפעלע,
צו פאָר׳ן איבער ים׳ען.

2. לאָז איך מיך אין וועג אַרײַן,
אין וועג אין ווײַטן

שפּרייט איך מיר אַ זעגל אויס,
אַ לאַנגן און אַ ברייטן.
3. שפּרייט איך מיר אַ זעגל אויס,

בלאָזט אים אויף דער ווינט, —
ווינט, דו ווינט, מײַן שיפל טראָג
צו יענעם ברעג געשווינד!

№ 49.

## אַ וואַש־ליד.

1. מיר וואַשן, מיר וואַשן,
מיר וואַשן, וואַשן, וואַשן, וואַשן, וואַשן
(גאַנצע טעג) (2)
ועהט אונזערע הענטלאַך,
צי זײַנען זיי מיד,
מיר ענדיגען די אַרבײַט
און זינגען אַ ליד.

2. מיר דרעהען, מיר דרעהען,
מיר דרעהען, דרעהען, דרעהען, דרעהען,
דרעהען, דרעהען, (גאַנצע טעג) (2)
זעהט אונזערע הענטלאַך א. אז. וו.

3. מיר הענגען, מיר הענגען א. אז. וו.
4. מיר פּרעסן, מיר פּרעסן א. אז. וו.
5. מיר טראָגן, מיר טראָגן א. אז. וו.
6. מיר רוהען, מיר רוהען א. אז. וו.

מען צו׳שטעלט זיך אין אַ קרייז. בּיים ערשטן האַלבן קופּליעט שטעלט מען פאָר, ווי מען וואַשט. בּיים צווייטן האַלבן קופּליעט הויבּט מען אויף די הענטלאַך אין דער הויך און מען דרעהט מיט זיי אַהין און אהער. אויף דעם זעלבן שטייגער ווערן דורכגעפיהרט די איבּריגע קופּליעטן און די באַוועגונגען ווערן געמאַכט, ווי עס פּאַסט לויט יעדן קופּליעט נאָך.

№ 50.

## טאַנץ־ליד.

1. די גרעזעלאַך בליהען
אין וואַלד אַלע גלײַך —
אַ קינד מעג זײַן פרעהלאַך,
צי אָרים, צי רײַך.
מיר אָבער זײַנען
נאָך קינדערלאַך קליין;
אונז פּאַסט נאָך זײַן פרעהלאַך
און טאנצן צו געהן.
טרײַ־לײַ־לײַ, טרײַ־לײַ־לײַ, (2)
לײַ־לײַ־לײַ (2)
טרײַ־לײַ־לײַ־לײַ!

2. די זון שיקט אונז אַלע
איר בְּרָכָה, איר שײַן,
צי דאַרף מען דען גיטער
אויף גליקלאַך צו זײַן?
אונז פּאַסט נאָך זיך דרעהען
ראָד־אויס און ראָד־איין —
אַז חאויל איז אונז יודישע
קינדער צו זײַן!
טרײַ־לײַ־לײַ, טרײַ־לײַ־לײַ (2)
לײַ־לײַ־לײַ (2)
טרײַ־לײַ־לײַ־לײַ!

3. וואויל דעם, וואָס פאַרמאָגט נאָר
אַ האַרץ, גוט און פרום,
און אויגן, וואָס קוקן
אויף קיינעם ניט קרום.
מיר אָבער א. אַז. וו.

4. וואויל דעם, וואָס די תּורה
בײַטאָג און בײַנאַכט
מאַכט לוכטיג זײַן לעבען,
זײַן האַרץ פרעהלאַך מאַכט.
אונז פּאַסט נאָך א. אַז. וו.

# אינהאַלט:


זייט

הקדמה — 3
1) „מודה אני״ (תּפילה) — 5
2) אליהו הנביא (פאָלקסליד) — „
3) דאָס געבעט, א. רייזען — „
4) משה מושה (פאָלקסליד) — „
5) שבת־ליכט, ה. היינע — 6
6) שבת בין השמשות, י. אַדלער — „
7) באָרעלאַך (פאָלקסליד) — 7
8) שבועות, ש. פרוג — 8
9) אין סוכה. — „
10) חנוכה. — „
11) שלח־מנות. — „
12) אַ מעשה (פאָלקסליד מיט אַ פאָלקס־ניגון) — 9
13) נאַט, נאַט, גיב אַ רעגען! (פאָלקסליד) — „
14) רעם זריעה־קערנדל, ש. פרוג — „
15) קאַרעהשיד, ל. נייריום — 10
16) קאַרנשויעסטערלייך, ד. איינהאָרן — „
17) שפּאַציר־ליד, ב. שאַפיר — „
18) הערבסט־ליד, ד. משאַרני — 11
19) ווינטער־ליד, ד. משאַרני — „
20) פרעהלינגס ווינטער־ליד, ד. משאַרני — 12
21) דער ווינטער, מ. וואַרשאַווסקי — „
22) נאַטור־קלאַנגען, ד. משאַרני — 13
23) מאַרש־ליד, ד. משאַרני — „
24) אז מער דעם קינדס ווינעלע } פאָלקסלידער מיט פאָלקס־ניגונים — 14
25) שלאָף, שלאָף, שלאָף! } — „
26) אונזער משפּחה — 15
27) בולבע (פאָלקסליד מיט אַ פאָלקס־ניגון) — „
28) אין חדר געהן (פאָלקסליד) — „
29) גוט־מאָרגן־ליד, ד. משאַרני — „
30-a) אַ ראָד און אַ ראַנד (פאָלקסליד) — 16
30-b) איין אַ מילינג (פאָלקסליד) — „
31) די פילקע. — „
32) און אַז דער רבי... — „
33) אַ קאַץ און אַ מייזל — 17
34) טאַרט — „
35) אַ שפּיל־ליד — „
36) ציפּ, צאַפּ, עמערל (פאָלקסליד) — 18
37) אַ באַק־ליד (פאָלקסליד) — „
38) פינגעלע, ווינגעלע, פּי, פּי, פּי! (פאָלקסליד) — „
39) דער פּאַסטעכל — „
40) קיסעלאך (פאָלקסליד) — 19
41) דער באַה — „
42) מילכיקן (פאָלקסליד) — 20
43) דער כּוחי, נבתר — „
44) וואָס מיר אויסלעבע זאַכן?! — „
45) דער פייגל און דער יונגל, י. ל. פּרץ — 21
46) אַ רעגנעדל, נ. גאָרעליק — „
47) בעל־מלאכה — 22
48) אַ שפּיל־ליד, ה. ד. נאָמבערג — „
49) אַ וואַש־ליד, ד. משאַרני — 23
50) באַנק־ליד, י. פיכמאַן — „

# №1. „Moideh ani"

**Largo con libertà, religioso.** [Seier langsam]




# №2. „Elijohu hanowi"

**Largo, solenne.** [Seier langsam]




# №3. Dos Gebet.

I volta **Allegro**; II,III,IV volte **Andante**. [I^{ᵗᵉ} mol gich, II,III,IV mol ruhiger]






## №4. „Moische Moirosch."




## №5. „Schabos-licht."



# №6. Schabos bein haschmoschois.




# №7. Barelach wiln nit faln. (PESSACH-LID).




# №8. Schowuois.




'floch - tn mit Gir- lan-des grins, ba - krenzt mit fri-sche Blu-men. S'geht
f
Su-mer-leb... Es schaint un klingt in Wald, in Feld, in Gor-tn, Es
poco riten.
fli-hen, fli-hen Fei-ge-lach un sin-gen Schi-roh dor-tn. A Der
tempo.
ff
li-bergrinerIomtowgeht,Sman Ma-tan Toi-ro-ssei-nu. Sman Ma-tan Toi-ro-ssei-nü!

## №9. In Ssukoh.


Andantino. [Powolje]
p
A Ssu-koh a klei-ne vun Bret-lach ge-mei-ne hob ich
koim mit Zo-rois ge-macht. Ge-dekt dem Dach mit a Bis-se-le S'chach, un ich
sitz do Ssu-kois bai Nacht un ich sitz do Ssu-kois bai-nacht. [2 mol]

# №10. Chanukoh.




# №11. Schlach-monus. (PURIM).



## №12. „A Maisseh."

**Lento.** [Ruhig langsam]




## №13. „Gott, Gott, gib a Regn!"

[Freilach]




## №14. Dos Srioh-kerndl.

**Con moto, inquieto.** [Messig gich]




## №15. Karehod. (FRILING).

I volta **Allegro moderato**; II volta-**più mosso**. III volta-**meno mosso**. [I mol-messig;






## №16. Kornschwesterlach.




## №17. Spazirlid.






# №18. Herbstlied.




# №19. Winterlid.




# №20. Freilache Winterlid.



# №21. Der Winter.

**Andante, mesto.** [Nit gich]




# №22. Naturklangn.

**Non allegro.** [Nit gich]




# №23. „Eins, zwei!“ (MARSCHLID)

**Tempo di marcia.** [Wi a March]






## №24. „Unter dem Kinds Wiegele.“ (A WIEGLID).

**Poco adagio.** [Langsam]




## №25. „Schlof, schlof, schlof.“

**Lento.** [Langsam]




## №26. Unser Mischpochoh.

**Andante.** [Nit gich]






## №27. Bulbe




## №28. In Cheder geihen.



# №29. Gutmorgn-lid.




# №30a „A rod in a Rane."




# №30b „Ein a Miling."




# №31. Die Pilke.




# №32. „Un as der Rebe."




8




# №33. A Katz un a Moisl.




# №34. Tort.




# №35. A Schwimlid.



## №36. „Zip-zap, Emerl!“

**Allegretto scherzando.** [Messig gich]




## №37. A Baklid.

**Moderato, risoluto.** [Messig]




## №38. „Veigele, Veigele! Pi, pi, pi.“

**Moderato.** [Messig]



## №39. Der Pástuchl.

**Allegretto.** [Powolje]




## №40. Kestelach.

**Moderato.** [Messig gich]




## №41. Der Bahn.

**Allegro.** [Gich]



## №42. Michalke.




## №43. Der Ssoicher.




## №44. „Wos teig aseine Sachn?!“



# №45. Der Voigl un der Jungl.




# №46. A Regendl.



## №47. Baal-mlochoh.




## №48. A Schiflid.



# №49. A Waschlid.




# №50. Tanz-Lid.




+ a Plesk mit di Händ.



2348

Нотопечатня В Гроссе, Москва